**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/12/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול ווארנט ניו יארקער צו זיין אויפמערקזאם איבער איבערגעטריבענע פרייזן נאכפאלגנדיג עקסטרעמע וועטערן**

***איבערגעטריבענע פרייזן געזעצן זענען אריין אין קראפט אין באטראפענע געגנטער צו באשיצן איינקויפער***

***ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קליענט באשיצונג צו העלפן מיטן אריינגעבן קאמפלעינטס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געווארנט ניו יארקער צו זיין אויפמערקזאם איבער מעגליכע געהעכערטע פרייזן פאר פראדוקטן נאכפאלגנדיג עקסטרעמע וועטערן אין די מיד-האדסאן ראיאן און אין די קענענדעיגווע געגנט אין אָנטאַריאו קאונטי. אום יולי 10, 2023, האט גאווערנער קעטי האקול דעקלערט א 'סטעיט אָוו עמערדזשענסי' פאר [מערערע קאונטיס](https://www.governor.ny.gov/executive-order/no-28-declaring-disaster-counties-new-york-state) אזוי ווי שווערע רעגנס האבן אנגעברענגט באדייטנדע פארפלייצונגען, מערערע שאסיי אפשפארונגען און אנדערע שטורעם-פארבינדענע שאדנס. די דעקלעראציע פון א סטעיט אָוו עמערדזשענסי ברענגט אויטאמאטיש אריין אין קראפט ניו יארק סטעיט איבערגעטריבענע פרייזן געזעצן וועלכע פארבאטן צו פארקויפן פראדוקטן אדער סערוויסעס פאר קליענטן אין באטראפענע פלעצער פאר נישט שכל'דיגע ארויפגעצויגענע פרייזן.

"עס לייגט זיך נישט אויפן געוויסן אז פארקויפער זאלן ארויפציהען די פרייזן אין די צייט וואס ניו יארקער אריענטירן זיך נאך פון די שרעקליכע שאדנס פון די שווערע וועטערס אריבער די סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי קאמיוניטיס זענען פאר זיך צו ערהוילן פון עקסטרעמע פארפלייצונגען, מוטיג איך אלע ניו יארקער צו בלייבן וואכזאם און אויפמערקזאם איבער פאטענציאלע שווינדלער. מיר וועלן פארזעצן צו טוהן אלעס וואס מיר קענען צו האלטן פאראנטווארטליך די בייזוויליגע פארשוינען וועלכע זוכן צו אויסנוצן קליענטן אין א צייט פון נויט."

**ניו יארק סטעיט סעקרעטערי אָוו סטעיט, ראבערט דזש. ראדריגעז, האט געזאגט,** "שווערע רעגנס און פארפלייצונגען האבן איינגעמאנט א שווערע פרייז פון קאמיוניטיס אריבער ניו יארק סטעיט. אזוי ווי ניו יארקער אין די באטראפענע פלעצער הויבן זיך אן ערהוילן פון די ווירקונגען פון די עקסטרעמע וועטערן, איז דאס וויכטיג צו זיין אויפמערקזאם פאר סיי וועלכע ביזנעס וועלכע מאנט איין איבערגעטריבענע אדער געווינסלאזע ארויפגעצויגענע פרייזן פאר פראדוקטן און סערוויסעס און זיי זאפארט באריכטן."

א פארקויפער קען פאררעכנט ווערן צו איינמאנען "איבערגעטריבענע פרייזן" ווען אין א צייט פון אבנארמאלע צושטערונגען פון די מארקעט פאר פראדוקטן און סערוויסעס וועלכע זענען קריטיש און נויטיג פאר די געזונטהייט, זיכערהייט און וואוילזיין פון קליענטן אדער פון די אלגעמיינע פובליקום — מאנט דער פארקויפער איין באדייטנד העכערע פרייזן, בעטנדיג א "נישט שכל'דיגע ארויפגעצויגענע פרייז", אין א פלאץ וואס איז געדעקט אונטער די גאווערנער'ס סטעיט אָוו עמערדזשענסי דעקלעראציע. א פארקויפער טאר נישט בעטן "נישט שכל'דיגע ארויפגעצויגענע פרייזן" אין די באטראפענע געגנט פאר:

- פראָדוקטן אדער סערוויסעס וועלכע ווערן גענוצט הויפּטזעכליך פאר פערזענליכע, פאמיליע אדער הויזגעזונד צוועקן;
- וויכטיגע מעדיצינישע סופּלייס און סערוויסעס וועלכע ווערן גענוצט פאר די קעיר, היילונג, פארגרינגערונג, באהאנדלונג אדער פארמיידונג פון סיי וועלכע קראנקהייט; אדער
- סיי וועלכע אנדערע וויכטיגע פראָדוקטן און סערוויסעס וועלכע ווערן גענוצט צו פארשטערקערן די געזונטהייט אדער וואוילזיין פון די פובליקום.

אן "אבנארמאלע צושטערונג פון די מארקעט" איז א למעשה'דיגע טויש – אדער א טויש וואס האט מעגליכקייט צו געשעהן אויף א באלדיגן פארנעם – אין די מארקעט צוליב סיי וועלכע פון עטליכע לעגאל-אנערקענטע געשעענישן, אריינרעכענענדיג שאדן פון וואסער, נאטורליכע אינצידענטן, מאנגל אין- אדער בכלל נישט קיין- עלעקטריציטעט אדער אנדערע ענערגיע מקורות אדער אן אנדערע אורזאך פון אן אבנארמאלע צושטערונג פון די מארקעט וואס פירט צו א דעקלעראציע פון א סטעיט אָוו עמערדזשענסי דורך די גאווערנער.
אין אלגעמיין קען א פרייז באשטימט ווערן צו זיין "נישט שכל'דיג איבערגעטריבן" דורך א געריכט ווען:

1. עס איז דא א גרויסע אונטערשייד צווישן די פרייז וואס ווערט געבעטן דורך די פארקויפער אין די צייט פון די אבנארמאלע צושטערונג פון די מארקעט און די פרייז וואס ווערט געבעטן גלייך פאר די אנקום פון די עקסטרעמע וועטער דורך דעם זעלבן פארקויפער; אדער
2. די פרייז וואס ווערט געבעטן דורכאויס די עקסטרעמע וועטער דורך איין פארקויפער איז פיל העכער פון די פרייז פאר די זעלבע אדער ענליכע פראָדוקטן און סערוויסעס וועלכע זענען גרינג צו באקומען אין די באטראפענע געגנט דורך אנדערע קליענטן.

**וואס א קליענט זאל טוהן אין אנטווארט צו איבערגעטריבענע פרייזן**
סיי וועלכער ניו יארקער וואס זעהט ארויפגעצויגענע פרייזן ווערנדיג געבעטן פאר פראָדוקטן און סערוויסעס וועלכע ווערן גענוצט הויפּטזעכליך פאר פערזענליכע, פאמיליע אדער הויזגעזונד צוועקן צו פארמיידן אדער רעאגירן צו די שווערע וועטער זאל אריינגעבן א קאמפּלעינט צו די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קליענט באשיצונג (Division of Consumer Protection, DCP) דורכן רופן די DCP קליענטן הילף ליניע אויף 800-697-1220 אדער דורכן באזוכן די DCP וועבזייטל אויף [www.dos.ny.gov/consumerprotection](http://www.dos.ny.gov/consumerprotection). קאמפּלעינטס קענען אריינגעגעבן ווערן קעגן ווענדארס, ריטעיל געשעפטן און סופּלייערס וועלכע טוהען ביזנעס אין ניו יארק סטעיט.

ביים באריכטן, זייט גרייט צו צושטעלן פרטים פון די באשולדיגטע פרייז גאודזשינג אריינצורעכענען די לאקאציע פון די פארקויפער און סיי וועלכע אווילעבל באווייז פון די איבערגעטריבענע פרייז(ן), אזויווי רעסיטס אדער בילדער.

די DCP קליענטן הילף איינהייט וועט איבערקוקן די קאמפּלעינט, און עס פעהלט זיך אויס וועלן זיי דורכפירן פרייוויליגע פארמיטלונג צווישן דעם קליענט און די פארקויפער אדער וועלן זיי ווייטער שיקן די קאמפּלעינט צו די אפיס פון די אטוירני דזשענעראל צו אונטערנעמען אינפארסירונג שריט. אין יעדן פאל וועט די קליענטן הילף איינהייט לאזן וויסן פאר דעם קליענט איבער אלע שריט וועלכע ווערן אונטערגענומען פאר זייער וועגן. מער אינפארמאציע איבער איבערגעטריבענע פרייזן דורכאויס וועטער אינצידענטן זענען פארעפנטליכט [דא](#).

**איבער די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קליענט באשיצונג**
די ניו יארק סטעיט אפּטיילונג פון קאסטומער באשיצונג שטעלט צו הילפסמיטלען און אויפקלערונג מאטריאלן פאר קאסטומערס אויף פראָדוקט זיכערהייט, אזוי אויך פרייוויליגע פארמיטלונג סערוויסעס צווישן קאסטומערס און ביזנעסער. די קליענט הילפס-ליניע 1-800-697-1220 איז אפן מאנטאג ביז

פרייטאג, פון 8:30 אינדערפרי ביז 4:30 נאכמיטאג, חוץ פון סטעיט האלידעיס, און קליענטן קאמפלעינטס קענען אריינגעגעבן ווערן אין יעדן צייט ביי www.dos.ny.gov/consumer-protection.

פאר מער קליענט באשיצונג טיפס, פאַלאָוט די דיוויזיע אויף סאָושעל מידיע אויף Twitter: @NYSConsumer און אויף Facebook: www.facebook.com/nysconsumer.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן